# איך דאנק דיר באשעפער.

א דאנק, ברענגט א דאנק.

**זמנים**

| | הדלק"נ | מוצש"ק |
|---|---|---|
| Brooklyn: | 5:01 | 6:29 |
| Monsey: | 5:00 | 6:29 |
| Monroe: | 5:00 | 6:29 |
| Lakewood: | 5:00 | 6:32 |
| Miami FL: | 5:50 | 7:19 |
| Toronto: | 4:48 | 6:18 |
| Montreal: | 5:20 | 6:50 |
| Manchester: | 4:40 | 5:49 |
| London: | 4:38 | 6:07 |
| Jerusalem: | 4:39 | 6:33 |

## ב"ה, באקומען א קאר

איך האב וויכטיג געדארפט האבן אן אייגענע קאר און איך האב געהאט אסאך שוועריגקייטן מיט'ן ארויסנעמען דעם קאר. אפאר וואכן צוריק, האב איך געליינט אויף די גרופ, ווי איינער האט פונקטליך געפלאנט וויאזוי ער וועט מאכן א סעודות הודאה ווען ער זעהט א ישועה און ער איז געהאלפן געווארן. איך האב באשלאסן צו טוהן דאס זעלבע. ווי אויך, האב איך כסדר זיך גע'חזר'ט אז דער באשעפער קען אלעס און וועט מיר זיכער העלפן, געדאנקט דעם באשעפער פאר די שוועריגקייטן, צוגעזאגט צו דאנקן ברבים ווען איך האב א קאר און געגעבן צדקה. נעכטן, האב איך ב"ה באקומען מיין קאר. איך דאנק דיר רחמנות'דיגער באשעפער!

## אֵין לָנוּ עַל מִי לְהִשָּׁעֵן כִּי אִם עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם

## נייע קאסטומערס

איך האב לעצטנ'ס אנגעהויבן א נייע ארבעט, אלס א סעיל'ס מאן, איך האב זייער שווער געארבעט צו ברענגען נייע קאסטומערס, אבער עס איז געגאנגען שווער. איך האב אבער געהאלטען און איין דאנקען דעם באשעפער. ב"ה, עס איז אדורך מיין ערשטע דריי סעיל'ס און די וואך, איז אדורך א פערטע סעיל. איידער איך האב געלאזט וויסן מיין בעל הבית, האב איך געדאנקט דעם באשעפער ברבים. יעדעס מאל איך דאנק דעם באשעפער, זעה איך ממש ווי די הצלחה גייט ארויף.

## כִּי הוּא קל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל




### א גוט ווארט אויף די וואך

און פרשת בשלח שטייט ביי די שירה , **זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ אֱלֹקֵי אָבִי וַאֲרֹמְמֶנְהוּ: ד' אִישׁ מִלְחָמָה.** זאגט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, אז **זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ** ווען א איד דאנקט און לויבט דעם באשעפער פאר אלעס וואס ער גיבט , **וַאֲרֹמְמֶנְהוּ** ווערט דעם באשעפער'ס נאמען גרויס דורך דעם. דאן, **ד' אִישׁ מִלְחָמָה** שיקט דער באשעפער גוטס פאר די אידן. ער ראטעוועט זיי פון שלעכטס, ח"ו און ער שיקט נאר גוטס פאר זיינע קינדער.

## וואס פארשטייט דער דאקטער וועגן דאנקען

איך האב זיך זייער נישט גוט געשפירט און געברויכט אריין אין שפיטאל, פאר א וואך. עס איז געווען דאנערשטאג און איך האב זייער געוואלט אהיים פאר שבת. דער דאקטער האט געזאגט אז איך וועל דארפן זיין אין שפיטאל כאטש ביז מאנטאג, דינסטאג, אבער וואס ווייסט ער וועגן דאנקען. איך האב אויסגעזאגט תהילים, געדאנקט דעם באשעפער און געזאגט, "רבוש"ע דו קענסט אלעס. איך פארלאז זיך נאר אויף דיר." גלייך פאר שבת, בין איך געווען אינדערהיים און איך דאנק ווייטער פאר א גאנצע רפואה שלימה בקרוב, מיט'ן באשעפער'ס הילף.

## כִּי קל רוֹפֵא נֶאֱמָן אָתָּה וּרְפוּאָתְךָ אֱמֶת

## עס איז אליין פאררעכטן געווארן

מיין וואש מאשין האט נישט געארבעט. עס איז געווען פארשטאפט און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך האב נישט געוואלט רופן קיינעם פאר געלט. איך האב עס געלאזט אזוי און אנשטאט דעם, אנגעהויבן דאנקען דעם באשעפער פארן האבן א גוטע מאשין ביז יעצט. אפאר טאג שפעטער, האב איך נאכאמאל פרובירט און נישט צום גלייבן, דאנקען האט עס פאררעכטן.

## אֵין לָנוּ מֶלֶךְ עוֹזֵר וְסוֹמֵךְ אֶלָּא אָתָּה

**לזכות לע"נ**
**דאבריש בת**
**ר' יצחק הלוי ע"ה**

מער פון 30,000 אידן פארציילן
וואונדערליכע ישועות
און השגחה פרטיות
דורך דאנקען דעם אויבערשטן!

צו ארויפגיין אויף די גרופס
רופט\טעקסט: 347-941-4070

א גוטע בליק אויף השי"ת גוטע וועלט.

The Business Card Shoppe
929.359.9022
Sales@TheBusinessCardShoppe.com
For all your printing needs!

**איר קענט האבן דער זכות פון פארשפרייטן דעם גליון**
**און דורכדעם וואס אידן דאנקען דעם אויבערשטן ברבים און מאכן גרויס זיין נאמען, וועט איר געהאלפן ווערן.**
**צו מנדב זיין לע"נ אדער לזכות לרפואה רופט: 347-941-4070**


מיר געבן רשות צו פארשפרייטען אין פרינטען דעם גליון כדי וואס מער אידן זאלן דאנקען דעם אויבערשטען.